# מיט א טיפערן בליק

## פרשת שלח תשפ"ה

## היט אויף דיינע געפילן!

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

אונזער פרשה הייבט זיך אָן מיט די טרויעריג בארימטע מעשה פון די מרגלים וואס משה רבינו האט געשיקט קיין ארץ ישראל צו זעהן וואס טוט זיך דארט. השי"ת האט געזאגט צו משה שְׁלַח לְךָ אֲנָשִׁים וְיָתֻרוּ אֶת אֶרֶץ כְּנַעַן, דו קענסט שיקן מענטשן אויסצושפיאנירן ארץ כנען, ווי **רש"י** ערקלערט, שְׁלַח 'לְךָ' אֲנָשִׁים מיינט "לדעתך" אז משה רבינו קען שיקן די מרגלים אויף זיין אייגענעם דעת, "אֲנִי אֵינִי מְצַוֶּה לְךָ, אִם תִּרְצֶה שְׁלַח" איך באפעל דיר נישט, עס איז נישט קיין ציווי השי"ת, נאר משה רבינו קען זיי שיקן אויף זיין אייגענע החלטה.

די המשך המעשה ווייסן מיר אלע, די מרגלים זענען צוריקגעקומען פון ארץ כנען און האבן דערציילט פאר כלל ישראל וואס זיי האבן דארט געזעהן. אֶפֶס כִּי עַז הָעָם הַיֹּשֵׁב בָּאָרֶץ, זיי זענען א שטארקע פאלק, וְהֶעָרִים בְּצֻרוֹת גְּדֹלֹת מְאֹד, זייערע שטעט זענען שטארק באפעסטיגט און זייער גרויס, וְגַם יְלִדֵי הָעֲנָק רָאִינוּ שָׁם, מיר האבן געזעהן דארט די קינדער פון די ריזן. ווי אויך האבן זיי געשילדערט די אלע פעלקער וואס וואוינען דארט ארום און ארום. זיי לייגן צו, "לֹא נוּכַל לַעֲלוֹת אֶל הָעָם כִּי חָזָק הוּא מִמֶּנּוּ" מיר וועלן נישט קענען דארט ארויפגיין עס איינעמען וויבאלד זיי זענען שטערקער פון אונז. צווישן אנדערע זאגן זיי, אֶרֶץ אֹכֶלֶת יוֹשְׁבֶיהָ הִוא, עס איז א פלאץ וואס פארלענדט אירע איינוואוינער, מענטשן שטארבן דארט אין די מאסן... און אזוי האבן זיי גערעדט פארשידענע שלעכטע רייד אויף ארץ ישראל.

ווען די אידן האבן דאס אלעס געהערט, שטייט אין פסוק וַתִּשָּׂא כָּל הָעֵדָה וַיִּתְּנוּ אֶת קוֹלָם וַיִּבְכּוּ הָעָם בַּלַּיְלָה הַהוּא, די אידן האבן אנגעהויבן צו וויינען און זיי זענען געקומען מיט טענות צו משה און אהרן אז ס'וואלט אסאך בעסער געווען אויב זיי וואלטן געשטארבן דא אין מדבר אדער נאך אין מצרים ח"ו.

די גמרא זאגט אין **מסכת סוטה** (דף ל"ה.) ותשא כל העדה ויתנו את קולם ויבכו, אמר רבה אמר רבי יוחנן אותו היום ערב תשעה באב היה, **אמר הקדוש ברוך הוא הן בכו בכיה של חנם ואני אקבע להם בכיה לדורות,** יענע זמן ווען די אידן האבן געוויינט אז זיי ווילן נישט אריינגיין קיין ארץ ישראל איז געווען די נאכט פון תשעה באב, האט השי"ת געזאגט, וויבאלד זיי האבן געוויינט א 'בכיה של חנם' א אומזיסטע געוויין, זיי האבן געוויינט פאר גארנישט, פאר קיין שום אמת'ע סיבה, אויף דעם זענען זיי באשטראפט געווארן אז תשעה באב איז פארוואנדלט געווארן אין א בכיה לדורות, פון הימל האט מען זיי שוין שפעטער געגעבן א סיבה צו וויינען אין דעם טאג רח"ל.

### די שוועריגקייטן אין די מעשה פון די מרגלים

לכאורה דארף מען דא פארשטיין עטליכע נקודות: צום ערשט, אויב השי"ת האט געגעבן רשות פאר משה רבינו צו שיקן די מרגלים און איהם געזאגט שלח לך לדעתך, וויאזוי קען זיין אז דורך די מרגלים וואס זענען געשיקט געווארן על דעתו פון אונזער הייליגער רבי'ן משה רבינו, מיט זיין הסכמה און זיין עצה, זאל ארויסקומען אזא געפערליכע תוצאה?

בפרט ווי **רש"י** זאגט אונז אויפן פסוק כֻּלָּם אֲנָשִׁים רָאשֵׁי בְנֵי יִשְׂרָאֵל הֵמָּה, "כל אנשים שבמקרא לשון חשיבות, ואותה שעה כשרים היו" דאס הייסט אז די תורה הקדושה איז מֵעיד אז מען רעדט דא פון די חשוב'ע און ערליכע אידן וועלכע זענען באמת געווען כשר און וואויל ביים ארויסגיין אויף זייער שליחות, אויב אזוי וואס האט טאקע פאסירט מיט זיי? וויאזוי האבן זיי געקענט צוקומען צו אזא מכשול?

ווי אויך האבן מיר שוין מדייק געווען עטליכע מאל, וואס איז באמת געווען די זינד פון די מרגלים? די אלע שלעכטע זאכן וואס זיי האבן דערציילט ווען זיי זענען צוריק געקומען פון ארץ ישראל זענען געווען אמת'ע זאַכן וואס זיי האבן דארט געזעהן. מען האט זיי דאָך געשיקט ברענגען א 'באריכט' פאר כלל ישראל וואס טוט זיך דארט, און דאס האבן זיי געטוהן. נאך מער, אין **פרשת ואתחנן** געפונען מיר ווי משה רבינו רעדט צו די אידן איידער זיי גייען אריין קיין ארץ ישראל, און ער זאגט זיי (דברים ט') שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אַתָּה עֹבֵר וגו' אֶת הַיַּרְדֵּן לָבֹא לָרֶשֶׁת גּוֹיִם גְּדֹלִים וַעֲצֻמִים מִמֶּךָּ עָרִים גְּדֹלֹת וּבְצֻרֹת בַּשָּׁמָיִם - "הערט צו אידן, איר גייט יעצט אריבער דעם ירדן צו פארטרייבן פעלקער וואס זענען גרעסער און שטערקער ווי אייך, גרויסע באפעסטיגטע שטעט ביז'ן הימל", משה רבינו אנערקענט אויך אז זיי זענען גרויסע און שטארקע פעלקער וואס וואוינען אין שווערע שטעט, ער זאגט כמעט די זעלבע זאך ווי די מרגלים, פארוואס דווקא ביי די מרגלים איז ארויסגעקומען פון דעם די בכיה לדורות?

צום לעצט דארף מען פארשטיין, וואס באדייט דאס די 'בכיה של חנם' וואס חז"ל דערמאנען דא, און פארוואס איז דאס אזוי שלעכט. מיר וואלטן געטראכט אז ווען א מענטש וויינט א אומזיסטע געוויין, טוט ער סתם א נארישקייט (אויף אונזער שפראך וואלט מען געזאגט, מאך זיך נישט צו טוהן פון איהם, זאל ער וויינען) ער שפירט צובראכן און פארווייטאגט עַל לא דבר און ער לאזט טרערן פאר גארנישט, נו, סך הכל האט ער געוויינט בחנם. פארוואס איז דאס אזא הארבע זאך וואס האט געדארפט גורם זיין א בכיה לדורות רח"ל.

### האב אינזין אז דו וויינסט פארן בורא עולם

איידער מיר וועלן צוקומען צו אונזער נקודה בסייעתא דשמיא, לאמיר מיטטיילן מיט אייך א קליינע עפיזאד, א זאך וואס כ'האב אמאל מיטגעהאלטן און עס גייט נישט ארויס פון זכרון.

מיט יארן צוריק לערנענדיג אין ישיבה אין ארץ ישראל, איז מיר אמאל אויסגעקומען צו גיין אינאיינעם מיט עטליכע חברים אין שפיטאל, מקיים צו זיין מצות ביקור חולים און משמח זיין א יונג קינד וואס איז ליידער געווען שטארק נישט געזונט און איז געלעגן על ערש דוי. אונז האבן געהאט שייכות מיט זיין פאטער וועלכער איז א חשוב'ער און דערהויבענער איד אין ירושלים עיר הקודש, און צוליב אונזער נאנטקייט זענען מיר געגאנגען פארברענגען אביסל ביים בעט פון זיין זוהן און איהם אביסל אויפלעבן.

למעשה ווען מיר זענען דארט געווען האט דאס קינד זייער געוויינט, ער האט געהאלטן אין איין וויינען און מען האט איהם ממש נישט געקענט בארואיגן. מיר די באזוכער זענען געווען זייער אומבאקוועם, מיר האבן פראבירט מיט אלע מיטלען איהם שטיל צו מאכן, מיר האבן איהם געגעבן א מתנה, גערעדט צו איהם, געפראוואוט צו מאכן לאכן, אבער אָן ערפאלג, דאס קינד האט נישט מיטגעארבעט מיט אונז, ער איז געווען בצער און נישט אויפגעהערט צו וויינען.

אינמיטן איז זיין טאטע אנגעקומען, און זיין טאטע האט געזעהן וואס עס קומט פאָר, ווי דאס קינד וויינט און ווי מיר ווילן איהם שטיל מאכן. כאפט אָן דער טאטע די האנט פון זיין קינד און ער נעמט עס ארום מיט ווארימקייט און ליבשאפט, ער גלעט עס אהין און צוריק, און דערביי זאגט ער פאר זיין זוהן, **"מיין קינד, דו מעגסט וויינען, וויין ווייטער, אבער האב אינזין אז דו וויינסט פארן בורא עולם, דו וויינסט צום אייבישטער וואס ער קען דיר העלפן און בעסער מאכן"...**

די ווערטער זענען געזאגט געווארן מיט אזא תמימות און פשטות פון א הייליג הארץ, און עס איז מיר אריין אין די ביינער.

מיר זענען געווען יונגע אומוויסנדע בחורים, ווען מיר האבן געזעהן דאס קינד וויינען האבן מיר עס נאר געוואלט שטיל מאכן, מיר האבן נישט געקענט צוקוקן זיין פיין און שוועריגקייט. דער טאטע האט אבער גוט געוואוסט אז געפילן קען מען נישט דערשטיקן, פארן קינד טוט עפעס וויי, ער שפירט ווי ער וויל וויינען, דארף מען איהם לאזן וויינען. סך הכל דארף מען איהם נאר אויסלערנען וואס די מטרה פון די וויינען זאל זיין, וואס דארף א איד טראכטן בשעת'ן וויינען, אבער וויינען זאל ער.

**די אונטערשייד צווישן די צוויי סארטן וויינערייען**

עס איז טאקע נישט מער ווי א קליינע אנעקדאט וואס מיינע אויערן האבן אויפגעכאפט, אבער די מוסר השכל דערפון איז געבליבן פאר לאנגע יארן, און מיר ווילן דא בעזרת השי"ת אביסל מרחיב זיין אין די נקודה.

די טבע איז אז ווען א מענטש גייט אדורך א געוויסע שווערע מצב, באהערשן איהם פארשידענע הרגשים פון פחד און שרעק, וויטאג, אומבאקוועמליכקייט, צומישעניש, וכדומה. און דאס איז נוגע אין יעדע סארט מצב, לדוגמא, ווען א מענטש שטייט איידערן אנהייבן א נייע זאך, ווי א בחור וואס הייבט אָן אין א נייע ישיבה, א ערוואקסענע מענטש וואס גייט אריבער צו א נייע ארבעט, א מענטש וואס ציעט זיך אריבער אין א אנדערע שטאט, וכהנה וכהנה, ווען עס איז דא די פחד פון דאס אומבאקאנטע, מען ווייסט נישט וואס צו ערווארטן און וויאזוי עס וועט זיך אויסארבעטן. **די הרגשים זענען א מציאות! עס איז א חלק פונעם מענטש, און דאס קען מען נישט דערשטיקן** ווי פריער דערמאנט. וויפיל דער מענטש וויל זיך ארויסזעהן דערפון און ווייטער אָנגיין מיט'ן געוועגליכן לעבן, דארף ער וויסן אז די געפילן זענען דא, זיי עקזיסטירן, און זיי וועלן בלייבן אין איהם ביז זאכן וועלן זיך בארואיגן. די איינציגסטע זאך וואס מ'קען יא טוהן מיט די געפילן איז ווען מ'שטעלט זיי אריין אין זייער ריכטיגע פלאץ, מ'דרייט זיי אויס צום ריכטיגן ריכטונג וואו זיי באלאנגן.

ווען א מענטש ווערט איבערגענומען ביז עס קומט איהם צו וויינען, דארף ער נישט דערשטיקן זיינע טרערן, מען מעג וויינען און מען זאל וויינען, צומאל איז עס גוט פאר די געזונט (עס ווערט שוין דערמאנט אין שולחן ערוך הלכות שבת אז ס'איז פארהאן מענטשן וואס דאס וויינען אויף א פראבלעם איז פאר זיי א תענוג און מאכט זיי גרינגער אויפן הארצן), מען דארף אבער מאכן זיכער אז דאס וויינען איז א ריכטיגע געוויין, א כשר'ע און אויסגעהאלטענע געוויין.

**אויב דאס וויינען לייגט צוגרינד דעם מענטש, עס ברענגט ארויף זיינע פחדים צו העכערע שטאפלען און ווארפט איהם אריין אין א ייאוש, דאס איז א שעדליכע געוויין!** א געוויין וואס מאכט דעם מענטש נישט וועלן זיך פאָראויס רוקן מיט זיין פלאן אויף ווייטער, א געוויין וואס וועט איהם צוריקהאלטן פון ממשיך זיין אין לעבן און מאכן באשליסן אז ער איז נישט געאייגענט פאר די נייע ישיבה אדער די נייע דזשאב, אזא געוויין איז א חורבן און איז אסור בתכלית האיסור.

מען מעג וויינען צוליב די געפילן פון פחד און אומרואיגקייט וואס באהערשט אין א געוויסע מצב. מען דארף אבער געדענקן צו מאכן א תועלת פון דעם געוויין, גענוי ווי יענער טאטע האט אויסגעלערנט פאר זיין קינד, דו מעגסט וויינען, אבער האב אינזין אז דו וויינסט פארן בורא עולם... מען דארף מאכן פון די געוויין א האפענונג, תפלה ותחנונים, בארואיגן דערמיט די שטורמישע געפילן און באקומען א שטופ אויף ווייטער. אבער נישט חלילה אויף פארקערט!

**ווען ווערן די שערי דמעות יא פארשפארט**

חז"ל זאגן "שערי דמעות לא ננעלו" די טויערן פון טרערן זענען נישט פארשפאַרט געווארן, כאטש אנדערע טויערן אין הימל זענען יא פארשפאַרט געווארן זינט די חורבן בית המקדש, אבער די שערי דמעה זענען אייביג אפן, ווען א איד וויינט מיט טרערן ווערט דאס געזעהן און געהערט אויבן אין הימל. האט געפרעגט **הרה"ק רבי בונם פון פרשיסחא זי"ע**, אויב די טויערן זענען שטענדיג אפן גרייט ארייננצולאזן די טרערן, פארוואס דארף מען בכלל האבן טויערן דארט אז זיי ווערן נישט גענוצט, עס וואלט פונקט גוט געווען אויב ס'איז דא א גרויסע אפענע אריינגאנג אָן קיין טירן בכלל, צו וואס דארף מען די 'שערי' דמעות?

ענטפערט דער ר"ר בונם זי"ע, פאר די וואס וויינען מיט פאלשע טרערן דארף יא זיין דארט טויערן גרייט אז מען זאל עס קענען פארמאכן פאר זיי.

די זעלבע קענען מיר זאגן לענינינו, אויב א איד נעמט זיין געוויין און מאכט פון דעם א ייאוש און צובראכנקייט, ער וויינט א שלעכטע געוויין מיט שעדליכע טרערן, א געוויין מיט וועלכע ער באגראבט זיך אליינס, דאס זענען נישט טרערן וואס ווערן אנגענומען אין הימל.

### די חילוק צווישן די געוויין פון א איד צו די געוויין פון א גוי

אגב אז מיר לערנען דא וועגן די בכיה לדורות פון תשעה באב, איז כדאי צו דערמאנען בקיצור א דבר נפלא מענין לענין באותו ענין. עס ווערט דערציילט אז אין די תקופה פונעם חורבן בית המקדש האט געלעבט איינס פון די גרעסטע גוי'אישע חכמים און פילאסאפן מיט'ן נאמען אַפְּלַטוֹן, וועלכער איז געווען ברייט באקאנט מיט זיינע טיפע פילאסאפישע געדאנקן און פארשטאנד. אפלטון איז געקומען צו גיין קיין ירושלים צוזאמען מיט נבוכדנאצר, און נאכן חורבן בית המקדש איז ער אריין אויפן הר הבית, דארט האט ער באגעגנט צו זיין גרויס ערשטוינונג **ירמיהו הנביא** ווי ער זיצט און קלאגט מיט גרויס צער אויפן בית המקדש וואס איז חרוב געווארן. אפלטון איז אריין אין א לאנגע שמועס מיט ירמיהו הנביא (וואס מיר וועלן נישט דא ברענגען די גאנצע השתלשלות) און צווישן אנדערע האט ער געפרעגט פון ירמיהו הנביא, "דו ביסט דאָך דער חכם פון כלל ישראל, ווי פּאַסט עס פאר דיר צו קלאגן אויפן בית המקדש, א קלוגע מענטש וויינט קיינמאל נישט אויף די פארגאנגענהייט, ווייל וואס עס האט פאסירט האט דאָך שוין פאסירט, וואס איז נאך דא צו וויינען דעראויף?".

אויף אלע זאכן וואס אפלטון האט איהם געפרעגט האט ירמיהו הנביא איהם געענטפערט מיט א געוואלדיגע קלארקייט און חכמה, אבער אויף די איינע פראגע פארוואס ער וויינט אויפן עָבַר, האט ירמיהו הנביא געזאגט, "דאס קען איך דיר אינגאנצן נישט ערקלערן, ווייל דו ביסט נישט מסוגל דאס צו פארשטיין"...

ווי די **ספרים** זענען מסביר, ווען א גוי האט א צרה אדער סיי וועלכע פראבלעם וויינט ער אלעמאל מיט ייאוש און צובראכנקייט, דאס איז די מהות און טבע פון א גוי, און דעריבער האט טאקע נישט קיין פשט צו וויינען צופיל אויף זאכן וואס זענען שוין פארגאנגען. דאגעגן א איד וויינט נישט אזא סארט געוויין, א אידישע געוויין איז פיל מיט האפענונג אויפן עתיד, ביים וויינען אויפן בית המקדש איז עס א געוויין אין וועלכע מיר שטרעבן אוןווארטן אז די שכינה הקדושה זאל זיך צוריקקערן צו אונז און צוריק אויפבויען דעם בית המקדש, עס איז בכלל נישט אויפן עָבַר צו באוויינען וואס עס איז געווען און איז מער נישט דא, נאר מיר לעכצן און האָפן אויפן עתיד, און דאס קען א גוי נישט באגרייפן! ירמיהו הנביא האט דאס נישט געקענט ערקלערן אפילו פארן גרויסן געלערנטן פילאסאף, ווייל ער וואלט דאס נישט פארשטאנען.

### די באדייט פון 'בכיה של חנם' און אירע שעדליכע תוצאות

היוצא לנו, ווען א איד וויינט, דארף עס זיין א בכי של תקוה, א הייליגע געוויין, א געוויין פון מיטגעפיל, תועלת און התחזקות, און נישט די שלעכטע געוויין פון ייאוש וואס וועט איהם אראפשלעפן און באגראבן ח"ו.

אט דאס איז געווען די "בכיה של חנם" פון וואס מ'רעדט דא ביי די מרגלים. די אידן זענען דעמאלטס געשטאנען אין א עת נסיון, עס איז געווען א שווערע תקופה איידער מען גייט אריין אין ארץ ישראל, זיי האבן מורא פארן צוקונפט. אין אזא מצב מעג מען וויינען א געוויין פון תועלת און האפענונג, מען מעג מתפלל זיין צום אייבישטער און בעטן אז אלעס זאל אדורכגיין בשלום און אנקומען גרינג.

אבער אויב הייבט מען אָן צו וויינען לוּ מַתְנוּ בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם אוֹ בַּמִּדְבָּר הַזֶּה לוּ מָתְנוּ, הלואי מיר וואלטן געשטארבן אין מצרים אדער אין מדבר, וְלָמָה ה' מֵבִיא אֹתָנוּ אֶל הָאָרֶץ הַזֹּאת לִנְפֹּל בַּחֶרֶב וגו' פארוואס ברענגט אונז דער אייבישטער קיין ארץ ישראל וואו מיר גייען חלילה שטארבן, הֲלוֹא טוֹב לָנוּ שׁוּב מִצְרָיְמָה, עס איז אונז בעסער צוריקצוגיין קיין מצרים. און ווי די תורה דערציילט ווייטער "וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל אָחִיו נִתְּנָה רֹאשׁ וְנָשׁוּבָה מִצְרָיְמָה" די אידן האבן גערעדט צווישן זיך אז זיי גייען אויפנעמען א הויפט און מ'גייט זיך אויסדרייען אויף צוריק און גיין קיין מצרים... דאס איז א שרעקליכע געוויין, און ווערט אנגערופן 'בכיה של חנם' עס איז א געוויין וואס פירט צו ליידיגקייט, עצבות און ייאוש, עס איז איין שטיק שלעכטס וואס פירט דעם מענטש צו א מצב פון 'אומזיסט' און חורבן. אנשטאט ברענגן א בעסערע עתיד און התחזקות אויף ווייטער, טוט עס דאס פארקערטע, עס ברענגט אראפ דעם מענטש ביז אונטן און מאכט איהם חרוב, ער פאלט אריין דורכדעם אין א מצב פון 'חנם' אָן גארנישט.

און דאס קען זיין איז געווען די גרויסע טענה אויף כלל ישראל, "הן בכו בכיה של חנם ואני אקבע להם בכיה לדורות", אויב מען וויינט אט די שלעכטע געוויין פון אויפגעבן און זיך באגראבן, איז עס גאר א הארבע זינד, עס איז א דבר חָמוּר און עס קומט אויף דעם גאר א שרעקליכע עונש.

בדרך רמז קען מען זאגן נאך מער, אז די בכיה לדורות איז נישט געקומען אזוי ווייט אלס אן עונש, נאר השי"ת איז אונז מְגַלֶּה אז דאס זענען די תוצאות וואס פאלגן נאך א בכיה של חנם... ווען א איד לאזט זיך אראפברענגן דורך א געוויין פון ייאוש און ער מאכט פון זיך חנם, זאל ער וויסן אז במציאות ווערט דא געשאפן א בכיה לדורות רח"ל. ווייל אנשטאט אויסצונוצן דעם געוויין ווי עס דארף צו זיין און זיך מחזק זיין, שטייט ער און וויינט א ייאוש'דיגן געוויין, וועט דאס איהם טאקע שלעפן מטה מטה ח"ו, ביז מען גייט אינגאנצן צוגרינד חלילה און ס'בלייבט אן אמת'ע סיבה צו וויינען. דאס איז די פועל יוצא פון א בכיה של חנם, אז עס שוואכט אפ דעם מענטש און מאכט איהם פאלן ביז אונטן פון וואס עס ווערט נולד א בכיה לדורות.

### די חילוק איז וויאזוי מען זאגט עס

דערמיט קענען מיר דערהערן אביסל וואס איז געווען די חטא פון די מרגלים און וויאזוי דאס האט פאסירט. [פארשטייט זיך אז מיר האבן נישט קיין

השגה אין זאכן וואס זענען העכער און טיפער ווי אונזער פארשטאנד, און מיר לערנען בלויז אפ די ענינים בדרך רמז לויט אונזער קליינע שכל ארויסצונעמען דערפון די ריכטיגע מוסר השכל]. דאס עצם שיקן מרגלים איז נישט געווען קיין אפגעפרעגטע זאך און עס איז געטוהן געווארן לדעתו פון משה רבינו מיט א גוטע און הייליגע כוונה. אויב וואלטן די מרגלים צוריקגעקומען און געברענגט א באריכט פון וואס עס טוט זיך אפ אין ארץ ישראל אויף א אופן וואס עס וואלט ארויסגעברענגט א געוויין פון האפענונג און תפלה ובקשה פון כלל ישראל צום אייבישטער, וואלט דאס געקענט זיין א געוואלדיג גוטע זאך.

די פראבלעם איז אבער געווען ווען זייער שפראך האט זיך געגעבן א גליטש אריבער צו די אנדערע זייט, זיי האבן אנגעהויבן צו געבן דעם געפיל פון "לֹא נוּכַל לַעֲלוֹת אֶל הָעָם כִּי חָזָק הוּא מִמֶּנּוּ" וואס דאס האט צובראכן די אידן און גורם געווען אז זיי זאלן וויינען די אויבנדערמאנטע 'בכיה של חנם' וואס האט זיי אראפגעברענגט גאר שטארק, זיי האבן אנגעהויבן משתוקק זיין צוריק צו גיין קיין מצרים און נישט וועלן אריינגיין קיין ארץ ישראל.

משה רבינו זאגט טאקע שפעטער כמעט די זעלבע ווערטער, אבער מיט אן אנדערע ניגון, מיט אן אנדערע גייסט. שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אַתָּה עֹבֵר וגו' אֶת הַיַּרְדֵּן לָבֹא לָרֶשֶׁת גּוֹיִם גְּדֹלִים וַעֲצֻמִים מִמֶּךָּ עָרִים גְּדֹלֹת וּבְצֻרֹת בַּשָּׁמָיִם, כלל ישראל הערטס צו וואס מיר גייען דא טוהן, און מיר גייען בעזר ה' מצליח זיין! מיר וועלן מתפלל זיין צום בורא עולם און האפן אויפן בעסטן, מיר גייען מיט התחזקות און בטחון און מיר געבן נישט אויף!

ווי וואונדערליך שטימט עס מיט די המשך הפסוקים אין אונזער פרשה, אביסל שפעטער שטייט אז יהושע בן נון און כָּלֵב בֶּן יְפֻנֶּה האבן זיך אויפגעשטעלט רעדן פאר כלל ישראל קעגן די מרגלים. מיר געפונען אבער נישט אז זיי האבן אפגעפרעגט אדער אפגעוואנדן דאס וואס די מרגלים האבן געזאגט, זיי האבן נישט געזאגט אז די מרגלים זאגן ליגנט אדער אז זיי האבן נישט גוט געזעהן, וכדומה. מיר געפונען בלויז אין פסוק "וַיַּהַס כָּלֵב אֶת הָעָם... וַיֹּאמֶר עָלֹה נַעֲלֶה וְיָרַשְׁנוּ אֹתָהּ כִּי יָכוֹל נוּכַל לָהּ" כלב האט שטיל געמאכט דעם עולם און ער האט אויסגעשריגן עלה נעלה, מיר וועלן יא ארויפגיין און מיר וועלן יא מצליח זיין! און יהושע און כלב זאגן ווייטער (י"ד ח') "אִם חָפֵץ בָּנוּ ה' וְהֵבִיא אֹתָנוּ אֶל הָאָרֶץ הַזֹּאת וּנְתָנָהּ לָנוּ", אויב דער אייבישטער וויל דאן קען ער אונז געבן דאס לאנד... זיי זאגן נישט קיין איין ווארט אז די מרגלים האבן גערעדט שקר, זיי זענען סך-הכל מחזק דעם פאלק אז דער אייבישטער וועט זיי העלפן. **ווייל דאס איז די גאנצע חילוק, א מענטש מעג וויסן דעם אמת, ער מעג זיין דערשראקן און פארלוירן, עס איז נישט קיין ענין צו לייקענען אדער באהאלטן די געפילן ווי מיר האבן פריער גערעדט, מען דארף נאר וויסן וואס צו טוהן דערמיט און וויאזוי עס אויסצונוצן ריכטיג.**

**מאכן זיכער אז מ'נוצט אויס די הרגשים ווי מען דארף**

וואס מיר דארפן דערהערן פון די גאנצע פרשה, אז אין א שעת נסיון, ווען ס'איז שווער פאר א איד, קען מען חלילה זייער שנעל נכשל ווערן אין דעם בכיה של חנם. ווען די הרגשים זענען שווער און אנגעצויגן דארף מען זיך האלטן פעסט און געדענקן אז מיר וויינען נאר צום בורא עולם, מיר וויינען מיט תפלה און האפענונג, און נישט אריינפאלן אינעם גרוב פון ייאוש וואס איז זייער נאנט און טיף, און מ'קען גרינגערהייט ווערן אריינגעשלעפט דארט ח"ו.

אפילו די מרגלים וועלכע זענען געווען כֻּלָּם אֲנָשִׁים רָאשֵׁי בְנֵי יִשְׂרָאֵל הֵמָּה, זיי זענען געווען כשר און ערליך ביים ארויסגיין, דאָך האט זיך די געוויין אוועקגעקערט פונעם ריכטיגן ריכטונג און גורם געווען די בכיה לדורות.

ולא ללמד על עצמו יצא, מען רעדט נישט נאר פון 'וויינען' דווקא, עס איז נוגע אלעמאל, ביי אלע סארט שווערע הרגשים וואס א איד האט, דארף ער מאכן זיכער עס צו ווענדן אינעם גוטן ריכטונג.

א קליינע נוצבארע דוגמא וואס האט שייכות דערמיט. אחינו בני ישראל תושבי ארץ הקודש גייען יעצט אדורך א שווערע תקופה, עס הערשט א מצב מלחמה אין די וועלט, די הרגשים זענען נישט לייכט, אבער א איד דארף וויסן און געדענקן אין יעדן מצב וואס מיר טוען מיט אונזערע הרגשים. די געפילן דארפן אונז ברענגען נענטער צו השי"ת, מתפלל צו זיין און ווענדן אונזערע אויגן צום הימל, שטארקן אונזער אמונה און בטחון, און אזוי ווייטער. אויב א מענטש לאזט זיך פירן דורך זיינע געפילן אין א נישט גוטע דירעקציע [און אין דעם איז אויך נכלל אויב מ'ווערט עדיקטעט צו די נייעס און מ'פארברענגט אויף דעם שעות ארוכות] און מ'טוט נישט קיין גוטע זאך מיט די הרגשים איז עס חלילה אינעם גדר פון בכיה של 'חנם' דער מענטש לאזט זיך פאלן און ווערן א מציאות פון חנם און ליידיגקייט!

מיר דארפן שטיין על המשמר אז אונזערע געפילן און אונזער געוויין אין סיי וועלכע מצב עס זאל נאר זיין, דארף אונז אלעמאל הייבן אויף ארויף, עס דארף אונז ברענגען צו א גוטע ציל און א תכלית, און דארף אונז העלפן שטייגן און ווערן בעסער און נענטער צו אבינו שבשמים.

**אַחֵינוּ כָּל בֵּית יִשְׂרָאֵל הַנְּתוּנִים בַּצָּרָה וּבַשִּׁבְיָה הָעוֹמְדִים בֵּין בַּיָּם וּבֵין בַּיַּבָּשָׁה הַמָּקוֹם יְרַחֵם עֲלֵיהֶם וְיוֹצִיאֵם מִצָּרָה לִרְוָחָה וּמֵאֲפֵלָה לְאוֹרָה וּמִשִּׁעְבּוּד לִגְאֻלָּה הַשְׁתָּא בַּעֲגָלָא וּבִזְמַן קָרִיב וְנֹאמַר אָמֵן.**

לסיכום געדענק:

- די געפילן פון א מענטש זענען א מציאות! עס איז א חלק פונעם מענטש, זיי זענען דא, און מ'קען זיי נישט דערשטיקן. מען דארף זיי נאר אויסנוצן צום גוטן.
- אויב דאס וויינען אדער פחדים לייגן צוגרונד דעם מענטש און ווארפט איהם אריין אין א ייאוש, איז עס א שלעכטע געוויין, א בכיה של חנם וואס ברענגט א בכיה לדורות ח"ו.
- אין א שווערע מצב דארפן די געפילן אונז ברענגען נענטער צום אייבישטער, מתפלל זיין און זיך מחזק זיין אין אמונה ובטחון.

## א לעכטיגע שבת קודש!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק"
דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com